בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהלת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

ראש השנה
א' תשרי תשפ"ז

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:15 |
| מוצש"ק | 7:26 |
| ר"ת | 8:06 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:42 | סוז"ת א' 10:00 |
| סוזק"ש ב' 9:26 | סוז"ת ב' 10:29 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': רד
שנה ד'

## טיב המערכת

### חֲמֹל עַל מַעֲשֶׂיךָ

עס האט דערציילט דער 'מגיד מישרים' הרה"צ ר' שלום שוואַדראָן זצ"ל, אז ווען ער איז געווען א יונגער יונגערמאן האט זיך צושפרייט אין ירושלים אַן אנשטעקיגע קראנקהייט ל"ע, און צוויי פון זיינע קינדער זענען געווארן אנגעשטעקט מיט דער קרענק, און וויבאלד ער האט נישט געוואלט אז זיינע אנדערע צוויי קינדער זאלן ווערן אנגעשטעקט, האט ער אריבערגעפירט די צוויי געזונטע קינדער שפעט ביינאכט צום הויז פון זיין שוויגער.

אויפן וועג האט ער באגעגנט זיין גרויסן רבי'ן, רבי אייזיק שער זצ"ל, און זיין רבי האט זיך אינטערעסירט וואס איז דער באדייט פון דער מאדנער 'שפאציר' אינמיטן נאכט, און רבי שלום האט אים געענטפערט אז וויבאלד די צוויי אנדערע קינדער זענען געווארן אנגעשטעקט און ער האט נישט געוואלט אז אויך זיי זאלן ווערן אנגעשטעקט, דעריבער נעמט ער זיי צום הויז פון די באבע.

הערנדיג דאס האט רבי אייזיק געזאגט: אהה, די גרויסע קו נעמט די צוויי קעלבלעך צו א גוטן אָרט כדי זיי זאלן נישט קראנק ווערן! רבי שלום האט נישט פארשטאנען וואס איז זיין זינד אז זיין רבי רעדט אזוי צו אים. אבער דעמאלטס האט זיין רבי אים געגעבן צו פארשטיין אז יעדער זאך ווענדט זיך לויט די מחשבה וואס שטייט אונטער די פעולה וואס מען טוט, דעריבער אויב דיין גאנצע מחשבה איז נאר אז דו ווילסט זיין געטריי פאר דיינע קינדער, אזוי ווי די דער שטייגער פון עלטערן איז אז זיי ווילן באשיצן זייערע קינדער, האבן דאך אויך מערסטנס בעלי החיים אזא נאטור וואס דער אויבערשטער האט זיי געגעבן. אויב אזוי, מיט וואס ביסטו אנדערש ווי זיי?? נאר, זייענדיג א איד דארפסטו וויסן אז אט די פעולה איז א מצוה פון חסד מיט אידישע קינדער, אפילו אויב דאס זענען דיינע קינדער, און דעריבער זאל מען אינזינען האבן אז מען טוט דאס לשם די מצוה פון חסד, און אזוי וועסטו פארדינען א מצוה ביי יעדן איינציגן טריט.

ביי די תפילות פון ראש השנה בעטן מיר 'חֲמֹל עַל מַעֲשֶׂיךָ', זאל מען זיך אפשטעלן און מען זאל זיך אליין פרעגן – צודען האסטו רחמנות אויף דיינע אייגענע מעשים? צי טוסטו שעצן דיינע מעשים טובים וואס דו טוסט טאג־טעגליך? געבסטו זיי דעם ריכטיגן יחס? צי ווייסטו אז מיט דיין עסן און טרינקען קענסטו מקיים זיין א מצוה אויב דיין גאנצע מטרה דערביי צו באקומען כח צו דינען דעם אויבערשטן? און כל־שכן אין דיין הנהגה מיט דיין הויזגעזינד און דיינע באקאנטע, קענסטו יעדער רגע זוכה זיין אין א מצוה, צי האסטו רחמנות אויף אט די אלע מעשים אז עס זאל נישט פארלוירן ווערן?

לאמיר זיך אונטערנעמען צו רחמנות האבן אויף אונזערע מעשים, און נישט טון קיין שום זאך אזוי ווי מִצְוַת אֲנָשִׁים מְלֻמָּדָה, איבערהויפט מיט די הנהגה וויאזוי א מענטש פירט זיך מיט זיין הויגעזינד, און מיט יעדע פעולה וואס מען טוט, זאל מען אינזינען האבן אז אלע אונזערע מעשים זאל זיין לשם שמים, און דעמאלטס וועט מען אויך קענען בעטן פונעם אויבערשטן 'חֲמֹל עַל מַעֲשֶׂיךָ'. (עפ"י טיב המועדים – ר"ה)

## טיב הפרשה

# ובו תנשא מלכותך

## די עבודה פון ראש השנה

אריינגייענדיג אין דער הייליגער יו"ט פון ראש השנה, וועלן מיר בס"ד פראבירן זיך אביסל צו באקענען מיט די קדושת היום און דער חיוב וואס ליגט אויף יעדן איד אין דעם גרויסן טאג.

מיט עטליכע הייליגע מצוות האט הקב"ה אונז מְצַוֶּה געווען אין דעם טאג. די הויפט נקודה פון דעם טאג איז די מצוה פון שופר, אבער ווי חז"ל זענען אונז מְגַלֶּה זענען די טעג א צייט פון הַמְּלָכָה, אין די טעג זענען מיר ממליך הקב"ה.

דער פליכט ממליך צו זיין הקב"ה באגעגענט מען איבעראל וואו מ'רעדט פון דעם טאג.

עס הייבט זיך אן ביי די תפילות וואו מ'טוישט פון הקל הקדוש צו המלך הקדוש, און עס איז ממשיך שפעטער ביי די תפילות פון מַלְכֻיּוֹת, זִכְרוֹנוֹת וְשׁוֹפָרוֹת.

מ'דערציילט אז ווען דער הייליגער צדיק רבי אהרן הגדול מקארלין זי"ע איז צוגעגאנגען צום עמוד ראש השנה און אנגעהויבן זאגן 'המלך', איז ער אוועקגעפאלן אין חלשות. מ'האט אים דערמינטערט אבער אויך נאכ'ן דערמינטערן איז ער נישט געקומען צו זיך.

שפעטער נאכ'ן דאווענען האט ער ערקלערט פאר די ארומיגע די סיבה צו די חלשות. ער האט דערציילט אז זיך גרייטנדיג ארויסצוזאגן דיווארט 'המלך', האט ער זיך דערמאנט פון די באקאנטע גמרא אין מסכת שבת [דף נו].

די גמרא דערציילט דארט אז רבי יוחנן בן זכאי איז ארויס צו די קייזער אספיינוס און גערעדט מיט אים האט ער אים א פרעג געגעבן די שאלה 'אי מלכא אנא אמאי לא אתית עד להכי' - אויב דו האלטסט אז איך בין א קעניג - פארוואס ביסטו נישט געקומען ביז היינט?

די שאלה איז אים קעגן געקומען זאגנדיג די ווארט 'המלך'.

ער האט זיך געפרעגט די שאלה, אויב בין איך א קעניג און דו גייסט מיר ממליך זיין אלץ מלך, וואו ביסטו געווען ביז היינט?

די מעשה געבט אונז א שטיקל טעימה וואס דאס הייסט מלכות און די ערנסטקייט מיט וואס מיר דארפן עס נעמען און זיך באציען צו איר. עס איז נישט אז מ'זאגט ארויס מיט'ן מויל 'המלך' און מיט דעם איז מען ממליך הקב"ה, נאר עס טראגט אין איר אסאך א גרעסערע און א טיפערע באדייט, אז אויך אזא גרויסער צדיק ווי הרה"ק רבי אהרן הגדול האט געשפירט אז מיט'ן זאגן די ווערטער איז ער נישט יוצא די פליכט און עס פאדערט זיך פון אים עפעס מער.

אז ער האט אזוי געשפירט ווי אזוי דארפן מיר זיך שפירן?

**להתוודע והגלות כי הוא מלך על כל הארץ**

די עבודה פון ראש השנה איז ממליך צו זיין הקב"ה, אבער לאמיר אריינגיין טיפער און פארשטיין בעסער וואס באדייט די עבודה פאר אונז און וואס ווילן מיר דערגרייכן אין איר.

עס צו פארשטיין לאמיר זיך ערשט באקענען מיט די באגריפן פון די פיר וועלטן וועלכע עקזיסטירן אויף די וועלט. די הייליגע חכמי הקבלה האבן מְגַלֶּה געווען אז די וועלט פארמאגט אין זיך פיר וועלטן. איין וועלט איז די וועלט פון עשיה, א צווייטע וועלט, וועלכע איז העכער פון די עשיה, איז די וועלט פון יצירה. נאך איר איז דא די וועלט פון בריאה, העכער פון איר איז די העכסטע וועלט וואס מיר וייסן פון איר, די וועלט פון אצילות.

דער אר"י הקדוש איז מְגַלֶּה אז ביים דאווענען ראש השנה איז מרומז די פיר וועלטן.

עס איז מרומז אין די תפילה פון 'מלוך על כל העולם כולו בכבודך', ביי די שטיקל פון 'וידע כל פעול כי אתה פעלתו ויבין כל יציר כי אתה יצרתו ויאמר כל אשר נשמה באפו'.

עס הייבט זיך אן מיט די עולם העשייה וואס איז מרומז אין די ווארט 'כל פעול', און עס גייט ווייטער מיט די עולם היצירה וועלכע איז מרומז אין די ווערטער 'ויבין כל יצור'.

דער עולם הבריאה איז מרומז אין די ווערטער 'ויאמר כל אשר נשמה באפו', און דער העכסטער עולם האצילות איז מרומז אין די ווערטער 'ומלכותו בכל משלה'.

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב ההודעות

>>> | טיב הפרשה | המשך פון עמוד א׳ |

**די פנימיות פון די פיר וועלטן**

די פיר וועלטן ווערן אנגערופן מיט די דערמאנטע נעמען, אבער אויך על פי פשטות האט עס אין זיך א כוונה.

דער געדאנק פון די עולמות איז מדריגות. די עבודה פון א מענטש הייבט זיך אן אונטן, אבער מ׳גייט ארויף העכער און העכער ביז צו די עולם האצילות.

אויך ווען מ׳קומט אן אין די עולם האצילות שטייגט מען העכער און העכער, ווייל מעלה מעלה האט נישט קיין שיעור.

די דרגה פון די עולמות האט נישט קיין שיעור. מען קען אייביג גיין העכער און העכער, אבער דער אנהייב איז ביי די עולם העשיה.

דער געדאנק פון ממליך זיין הקב״ה איז שייך אין יעדן איינציגסטן עולם וואס איז דא אויף די וועלט. אויך ווען א איד איז משיג די הַמְּלָכָה פון הקב״ה, אז הקב״ה איז דער איין איינציגסטער באשעפער אויף די וועלט, דארף ער וויסן אז ער קען גיין העכער, און די הבנה אין עבודת ה׳ קען זיין טיפער און קלארער.

אז מ׳ווייסט דאס קען מען אויך פארשטיין אז מצד הקב״ה איז נישט דא קיין שום חסרון אויף די וועלט. דער רבש״ע איז ווייטער דער קעניג און שיינט במלוא הדרו ותפארתו, די חסרון ליגט ביי אונז.

די עבירות און די פאגרעבטקייט אין וואס מיר ליגן, איז גורם אז דער מענטש זאל ווערן פארטונקלט און נישט קענען זען די קלארקייט און די שיינקייט פון די בריאה און די מלוכה פון הקב״ה.

ווען א איד געפינט זיך אין די עולם העשיה האט ער א השגה אין מלכות ה׳, אבער עס איז נישט גלייך אַן עשיה׳דיגע השגה צו די השגה ווען א איד איז אין די דרגה פון עולם היצירה, און אזוי גייט עס ווייטער אויפ׳ן סדר ווייטער און ווייטער.

מיר זאגן די ווערטער און מיט איר איז מען ממליך הקב״ה, אבער עס איז קלאר אז די אמירה בעלמא איז נישט גענוג און אז צו איר דארף אויך צוקומען די הארץ פונעם איד, וועלכער זאל ווערן אנגעפלאקערט צו הקב״ה און שפירן ביי זיך אז אויסער הקב״ה איז נישט פארהאן נאך א זאך אויף די וועלט.

**די הַמְּלָכָה בלשון הֹוֶה**

איך האב זיך מתבונן געווען אין די נוסח התפילה.

ווען מ׳איז מדייק זעט מען אז די דערמאנטע לשונות זענען בלשון עבר.

מ׳זאגט ׳פעלתו׳ און ׳יצרתו׳ אבער ווען עס קומט צו די שלב פון ממליך זיין הקב״ה זאגט מען בלשון הוה ׳ויאמר כל אשר נשמה באפו׳, אז מ׳זאל יעצט זאגן אז הקב״ה איז מלך.

עס ליגט דערינען די כוונה אז הקב״ה איז היה הוה ויהיה אבער ווען עס קומט צו דיין המלכה, אז דער מענטש זאל ממליך זיין איז עס א יעצטיגער זאך, אז מיר זאלן זיך יעצט נעמען און ממליך זיין הקב״ה אויף אונז.

דאס איז געווען די עבודת הצדיקים אין די הייליגע טעג, ארייןצובאקן די מלכות אין זיך, אין הארצן.

מ׳דערציילט אז ביים הייליגן מגיד פון מעזריטש זי״ע האט די חבריא הק׳ געדאווענט מיט א מורא׳דיגע ברען. ווען מען האט געענדיגט דאווענען איז נאך דער בעל התניא זי״ע געשטאנען שמונה עשרה. די תלמידים האבן געוואלט ממשיך זיין מיט׳ן סדר היום, אבער דער מגיד האט נישט געלאזט עסן די סעודה, ביז ווען דער בעל התניא זי״ע האט געענדיגט דאווענען.

ווען ער האט געענדיגט האט דער מגיד געגעבן צו פארשטיין די כוונה, ער האט מעיד געווען אז ווען דער בעל התניא זי״ע דאווענט און קומט אן צו די ווערטער ׳וידע כל פעול כי אתה פעלתו׳ גייט ער נישט ווייטער ביז ווען ער שפירט נישט בפועל ממש די ׳פעלתו׳ און די ׳יצרתו׳ און אז הקב״ה איז מלך ביי אים אין הארצן, און וועגן דעם ווארט ער אויף אים ביז ווען ער ענדיגט דאווענען.

עס איז דא דרגות אן קיין שיעור צו גיין העכער און העכער, אבער מיר זאלן לפחות פראבירן צו דערהערן מער און מער, און אזוי ארום וועלן מיר זוכה זיין צו פועל׳ן א לעבטיגע און א גוטע יאר און א שנת גאולה וישועה אמן.

# מעשיות אויף השגחה פרטית

## געשריבן הזך ליינערס

### טיב ההשגחה

### אדון הסליחות... זוכר הנשכחות

פאר לאנגע יארן דין איך אלץ א בעל דרשן.

דער שטייגער איז אז כ׳טרעט אויף און רעד פאר אידן און איך בין זיי מהנה.

פון צייט צו צייט דארף איך אויך אויפטרעטן פאר קינדער אין חדר.

יעדע מאל ווענט זיך עס ווענדן לויט די געשעעניש און די אומשטענדן וואס פירן מיר צו די געשעעניש.

יענער טאג ווען די מעשה האט פאסירט האב איך געהאלטן אינמיטן אנפירן א געשמאקע פראגראם אין א חדר. די פראגראם האט זיך געצויגן היבש לאנג, די קינדער האבן הנאה געהאט, מען האט גוט פארברענגט און איך בין אוועקגעגאנגען פון דארט, גרייט אהיימצוגיין זיך אפרוען אביסל.

ביי די רעדעס ווערט מיין טעלעפאן זיין איינגעשטעלט אויף א שטילקייט פאזיציע. וויסנדיג אז מען קען נישט ׳טאנצן אויףביידע חתונות׳, און אז דער טעלעפאן רויבט צו די מנוחה פון א מענטש און די קאנצענטראציע, וועל איך זיך ערשט אפשיידן פון איר.

נאך די מסיבה האב איך גענומען די טעלעפאן אין מיין האנט, איך געב א קוק אויפ׳ן סקרין, עס ווייזט אז איך האב 27 פארפאסטע טעלעפאן־רופן.

"צי איז עפעס געשען"?

איך האב איבערגעקוקט די ליסטע, כמעט אלע פון זיי איז געקומען פון א צווייטער באקאנטער רעדנער. איך האב אים גלייך צוריקגערופן און אים געזאגט אז כ׳האב געהאלטן אינמיטן א מסיבה, און וועגן דעם האב איך נישט געקענט צוקומען צום טעלעפאן.

דער צווייטער בעל דרשן איז געווען טרוד. נישט האבנדיג קיין צייט פאר קיין איבריגע געשפרעכן האט ער צוגעטרעטן צום ענין.

"געב א קוק", הייבט ער אן רעדן.

"איך דארף דיין הילף, קריטיש".

איך האב אים געלאזט קומען צום ווארט.

"מידי שנה בשנה אראגאנזאירט א געוויסע ארגינאזאציע א מסיבה פאר עלטערן וואס מוטשענען זיך מיט נישט געזונטע קינדער ל״ע. די ארגאניזאציע שטעלט צו א הערליכע מסיבה. די מסיבה איז אויף א הויכער סטאנדארט. מ׳ברענגט אהין גוטע מוזיקאנטן, ברייטע עסנווארג, ביים סוף פון די געשעעניש איז דא א דרשה. פאר עטליכע יאר אין איין ציה בין איך די רעדנער. איך האב עס אנגענומען, אבער אין די לעצטע רגע האט זיך געמאכט א סיבה, איך קען נישט קומען, איך בעט דיר ברחמים: גיי אנשטאט מיר".

זיין בקשה האט מיר געכאפט אין א סופרייז. איך בין נישט געוואוינט צו אזעלכע זאכן. איך רעד פאר קינדער. איך קען זיי געבן שיינע שמועסן מיט מעשה׳ס, אבער אזא זאך איז צו גרויס פאר מיר, איך האב געשפירט אז כ׳קען עס נישט אננעמען.

איך האב אים אנגעהויבן אפזאגן, אבער ער האט זיך נישט געלאזט!

נאכ׳ן לייגן אסאך דרוק האב איך געזאגט יא, טראץ וואס איך האב נישט געהאט קיין אהנונג וואס כ׳גיי רעדן.

צוויי שעה שפעטער איז געקומען צופארן א קאר און מיר אפגענומען צו די געשעעניש, מיר האבן זיך אריינגעזעצט אין די קאר און זיך געגרייט צו פארן אהין.

אונטערוועגנס האב איך פראבירט צו טראכטן וואס כ׳גיי רעדן, אבער איך האב נאך אלץ נישט געהאט קיין השגה וואס צו רעדן.

איך קום ארויף אויפ׳ן סטעידזש, און ערשט דא האט זיך ארויסגעשטעלט ווי מיאוס איך בין אריינגעפאלן. די מסיבה איז געווען אויף א הויכער סטאנדארט, א גרופע מוזיקאנטן האבן געשפילט אויף איר, דער שטייגער איז געווען אז זיי פלעגן זינגען און אונטערברומען אונטער דער רעדנער.

די שפילער פרעגן מיר וועלכע ניגון איך וויל אז עס זאל אונטערשפילן די דרשה, איך האב נישט קיין אהנונג וואס ער רעדט צו מיר.

איך האב זיך שווערליך אפגעשאקלט פון זיי און אנגעהויבן רעדן. איך האב נישט קיין אנונג וואס כ׳גיי רעדן אבער נאכ׳ן נעמען די מיקראפאן אין די הענט, האט זיך אנגעהויבן שיטן פערלווערטער פון מיין מויל. דער רבוש״ע האט רחמנות געהאט אויף מיר און מיר אריינגעגעבן די ווערטער אין מויל, און ברוך ה׳ אז איך האב גערעדט און גערעדט אן אויפהער.

אריגינעל האט געהייסן אז כ׳גיי רעדן פערציג מינוט, אבער ענדע האב איך גערעדט נאנט צו צוויי שעה. עס זענען געווען רירענדע מאמענטן, און דאגעגן אויך פרייליכע מאמענטן.

דער עולם האט געלאכט און געוויינט אין די זעלבע צייט.

ברוך ה׳ אז עס איז געווען אן אויסטערלישע סוקסעס, דער ציבור האט עס אפלאדירט, ווען איך בין אראפ פון די סטעידזש האבן אידן גערירטערהייט זיך דערנענטערט צו מיר און זיך באדאנקט פאר די ווארעמע רעדע.

אבער דא הייבט זיך די מעשה אן:

ארומגייענדיג צווישן די באטייליגטע בין איך געווארן אפגעשטעלט דורך א איד.

"דו דערקענסט מיר"? פרעגט מיר דער איד.

איך האב אים נישט דערקענט, אבער ער האט מיר דערמאנט.

"מיר האבן צוזאמען געלערנט אין ישיבה".

עס האט געדויערט א רגע, און כ׳האב זיך דערמאנט ווער ער איז און פון די יארן ווען מיר האבן געלערנט אין די ישיבה.

"כ׳וויל דיר עפעס זאגן", האט דער איד אנגעהויבן צו רעדן צו מיר ווען טרערן פולן אן זיינע אויגן.

"דו זעסט דעם קינד", ווייזט ער מיר אויף זיין נישט געזונטער קינד.

"שוין מער ווי א יאר צייט מוטשע איך זיך ארום מיט דעם קינד. ער איז געווען א בליענדער געזונטער קינד, אבער איין טאג האט מען אים דיאגנאזירט מיט די ביטערע מחלה ה״י, און פון דאן איז מיין לעבן נישט קיין לעבן".

איך האב געשאנקען עטליכע בליקן צו דעם קינד, און מיין הארץ איז אויסגעגאנגען פון רחמנות.

היינט צופרי האט אונז די ארגאניזאציע ארומגענומען צו די גדולי ישראל. מיר זענען אריין צו א געוויסער צדיק. איך האב זיך מזכיר געווען פאר דעם צדיק, און דער צדיק רופט זיך אן צו מיר אז די מחלה פון דאס קינד איז מיר געקומען ווייל כ׳האב אמאל זייער פוגע געווען אין א איד. הערנדיג דאס בין איך געווארן ערשיטערט. איך האב אנגעהויבן טראכטן פון וועמען רעדט מען. איך האב זיך בשום אופן נישט געקענט דערמאנען אין וועמען איך האב פוגע געווען אין מיין לעבן.

דער איד האט זיך אויסגעדרייט צו מיר און פרעגט מיר צי אפשר געדענק איך וועמען ער האט פוגע געווען.

"זיכער ווייס איך", האב איך אים געזאגט.

איך האב אים דערמאנט אז אין די ישיבה יארן האט געוואוינט נעבן אונז א איד וואס האט געליטן אויף עטליכע מיחושים. זיינע שוואכקייטן האט גורם געווען אז דער איד זאל מאכן מאדנע אויסדרוקן מיט זיין גוף און דער חבר מיינער פלעגט אים נאכמאכן טאג־טעגליך.

דער איד האט זיך דערמאנט, ער האט זיך געכאפט אין קאפ, עס איז ארויפגעשווימען פאר אים די סצענעס ווי דער איד האט זיך ביטערליך געשעמט פון אים און אים געבעטן ער זאל אויפהערן, אבער ער האט אים אויסגעלאכט און ווייטער אפגע׳חוזק׳ט פון אים.

מען האט גלייך אנגעהויבן א זוכעריי נאך דעם איד, מען האט אים אנטדעקט אין אן אלטעסהיים. דער איד איז געווען ביים קלארן דעת. ווען מ׳האט אים דערציילט וואס די נושא איז, האט ער זייער קלאר געדענקט די געשעעניש.

"איך קען אים נישט מוחל זיין"! האט ער אים געזאגט.

ווען מ׳האט אים דערציילט אז דער איד מוטשעט זיך מיט א קראנקע קינד, איז זיין הארץ געווארן ווייכער. ער האט אים מוחל געווען בלב שלם.

"נישט פאר דיר, פאר דיין קינד׳ס וועגן"... האט דער איד געזאגט.

און די וואונדער האט פאסירט! א שטיק צייט שפעטער האט מען איבערגעמאכט די טעסטן ביי דעם קינד, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דאס קינד איז געזונט און פריש.

יעצט האב איך פארשטאנען אויף למפרע, ווי אזוי די השגחה העליונה האט זיך געפירט אז כ׳זאל דארפן ממלא מקומו זיין פון דעם דרשן און זיין דער ריכטיגער שליח צו העלפן דעם איד אין זיין נויט.

(דערציילט דורך דער בעל המעשה נ״י)

# טיב המעשיות

# לְשָׁנָה טוֹבָה תִּכָּתֵבוּ וְתֵחָתֵמוּ

**"מִשֶּׁנִּכְנַס אֱלוּל עַד יוֹם הַכִּפּוּרִים, כְּשֶׁכּוֹתֵב אָדָם אִגֶּרֶת לַחֲבֵרוֹ, צָרִיךְ לְרַמֵּז בּוֹ בִּתְחִלָּתוֹ אוֹ בְסוֹפוֹ שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ עָלָיו וּמְבָרְכוֹ, שֶׁיִּזְכֶּה בְּיָמִים הַבָּאִים לְהִכָּתֵב וּלְהֵחָתֵם בְּסֵפֶר חַיִּים טוֹבִים".**

(קיצור שולחן ערוך סי' קכ"ח סוף סעיף ב' – לויטן מהרי"ל, לבוש און אנדערע פוסקים).

און אין ספר **"בניהו בן יהוידע"** פון דער הייליגער **בן איש חי זצוק"ל** (ברכות לא:) איז ער מפרש לויט דעם די פסוקים פון די הפטרה אום ראש השנה, וואס **עלי הכהן** האט געזאגט צו **חנה** נאך איר הארציגע תפילה אינעם בית המקדש אינעם גרויסן טאג פון ראש השנה (שמואל א א, יז): "וַיַּעַן עֵלִי וַיֹּאמֶר 'לְכִי לְשָׁלוֹם', וֵאלֹקֵי יִשְׂרָאֵל יִתֵּן אֶת שֵׁלָתֵךְ אֲשֶׁר שָׁאַלְתְּ מֵעִמּוֹ". – זאגט ער, אז דיווארט **"שלום"** באטרעפט בגימטריא שע"ו (376), און דער גימטריא פון איר נאמען **"חנה"** באטרעפט ס"ג (63), און צוזאמען איז עס **תל"ט** (439=376+63), וואס דאס איז ראשי תיבות: **ת**'כתבי **ל**'שנה **ט**'ובה, וְשִׂפְתֵי פִּי חָכָם חֵן.

**און אויב רעדט זיך דאס ביי א פריוואטע בריוו וואס איינער שיקט צו זיין חבר, איז דאך אוודאי אזוי ווען עס רעדט פון א כלליות'דיגע בריוו וואס ווערט ארויסגעשיקט אויף אזא גרויסער פארנעם, אזוי ווי אט דעם פיינעם "טיב" גליון וואס איר האלט יעצט פאר אייך.**

**דעריבער, שטייענדיג יעצט ביים שוועל פונעם נייעם יאר, לאמיר זיך דא ארויסדרוקן מיט אונזערע בעסטע וואונטשן, פאר מורינו ורבינו שליט"א, און זיינע חשוב'ע זין און איידעמער, ווי אויך פאר יעדן איינעם פון די חשוב'ע ליינער, פאר אלע בני הקהילה, און פאר גאנץ כלל ישראל:**

**לְשָׁנָה טוֹבָה תִּכָּתֵבוּ וְתֵחָתֵמוּ לְאַלְתַּר לְחַיִּים טוֹבִים!**

***

## דער חילוק פון "בנים" און "עבדים"

ביי די תפילה פון **"הַיּוֹם הֲרַת עוֹלָם"** וואס די **אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה** האבן מתקן געווען (זע אינעם הייליגן ספר אמרי פנחס שער ד' אות צ"ז) זאגן מיר: "אִם כְּבָנִים אִם כַּעֲבָדִים, אִם כְּבָנִים - רַחֲמֵנוּ כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים, וְאִם כַּעֲבָדִים - עֵינֵינוּ לְךָ תְלוּיוֹת, עַד שֶׁתְּחָנֵּנוּ וְתוֹצִיא כָאוֹר מִשְׁפָּטֵנוּ".

דער ערקלערונג פון דער מאמר איז, אז עס איז דא צוויי בחינות אין דעם וואס אידישע קינדער שטעלן זיך אוועק צום משפט אין דעם הייליגן יו"ט פון ראש השנה, טייל ווערן גע'משפט אין די בחינה פון בָּנִים, וואס שטעלן זיך צום משפט פאר זייער טאטע, און פון די אנדערע זייט איז דא אזעלכע וואס שטעלן זיך אין פארנט פונעם קעניג אזוי ווי קנעכט אין פארנט פון זייער האר. – און וויבאלד עס איז אוודאי בעסער און מער געוואונטשן אז דער וואס ווערט גע'משפט זאל זיין אזוי ווי א קינד ביי זיין טאטע, וועקט זיך דא אויף די פראגע, וויאזוי קען דער מענטש זוכה זיין אנצוקומען צו די בחינה פון **'בן'**, כדי עס זאל מקוים ווערן ביי אים דאס וואס עס שטייט 'כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים'.

כדי צו קענען בעסער פארשטיין דעם ענין, ווילן מיר ברענגען א וואונדערליכע מעשה פון **דער הייליגער חתם סופר זי"ע.**

ומעשה שהיה כך היה: איינמאל האט זיך א קנעפל אפגעריסן פון א מלבוש פון דער הייליגער **חתם סופר זצוק"ל**, און ער האט געבעטן זיין טאכטער אז זי זאל צונייען דעם קנעפל אויפן מלבוש.

ווען די טאכטער האט צוריקגעגעבן דעם מלבוש צו איר טאטע, מיטן קנעפל גוט צוגענייט דערויף, האט דער חתם סופר גוט באטראכט דעם קלייד פון אלע זייטן, און גלייך האט ער געזאגט צו זיין טאכטער מיט א שמייכל: דאכט זיך מיר, אז נישט האסט צוגענייט פאר מיר דעם קנעפל, נאר די משרתת איז די וואס האט עס געטון...

האט זיך זיין טאכטער מודה געווען אז די משרתת האט עס טאקע צוגענייט, און דערביי האט זי זיך פארענטפערט אז וויבאלד זי איז געווען זייער באשעפטיגט האט זי זיך נישט געוואלט פארזוימען דערמיט, נאר זי האט געבעטן די משרתת אז זי זאל עס טון. אבער פון וואו האסטו געוואוסט, טאטע, אז נישט איך האב גענייט דעם קנעפל?

דער טאטע האט געעפנט דעם מלבוש אין פארנט פון איר, און ער האט איר געוויזן אז אין דער זייט פונעם מלבוש, נישט ווייט פונעם צוגענייטן קנעפל, איז געשאפן געווארן א קליינעם ריס... און דאס האב איך דיר נישט געבעטן צו פאררעכטן, האט דער הייליגער חתם סופר ערקלערט מיט חכמה צו זיין טאכטער, נאר איך האב זיך פארלאזט אויף דיין פארשטאנד, אז דו וועסט עס זיכער אליין אויפכאפן... און ווען דו וועסט וועלן צונייען דעם קנעפל, וועסטו שוין אויך געפינען דעם ריס, און דו וועסט עס אויך פאררעכטן צוזאמען מיטן קנעפל.

ווייל דאס איז טאקע דער סדר, אז ווען די טאכטער זעט א ריס אינעם מלבוש פונעם טאטן, איילט זי זיך עס צו פאררעכטן גלייך, אויפן בעסטן שטייגער!... – אבער ווען איך האב געזען אז דער ריס איז נאכנישט פארראכטן, האב איך פארשטאנען אז אויך דאס פארראכטענע קנעפל איז נישט געטון געווארן דורך דיר נאר דורך די משרתת, וואס זי טוט נאר דאס וואס מען הייסט איר!...

אט דאס איז די געוואלדיגע אונטערשייד צווישן א קנעכט און א זון, א קנעכט איז געצוואונגען צו טון וואס מען הייסט אים, ער טוט אבער נאר טאקע דאס, ער איז אבער גארנישט מוסיף פון זיך אליין און ער טוט גארנישט פון זיך אליין, מער ווי דאס וואס מ'האט אים געהייסן. – אנדערש איז אבער א זון, וואס ער איז געטריי און באליבט צו זיין טאטן, וואס ער לייגט אלעמאל צו און ער טוט אויך זאכן וואס מען האט אים נישט באפוילן, ווייל צוליב דעם גרויסן ליבשאפט וואס ער האט צו זיין טאטע, וועט ער אלעמאל וויסן און פארשטיין וואס דער רצון פון זיין טאטע איז, אפילו אין א זאך וואס מען האט אים נישט געהייסן טון.

**פון דעם קומט אויס, אז די וועג צו זוכה זיין אז מען זאל ווערן גע'משפט אזוי ווי "בנים", און אז דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אונז "כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים" איז, אז אויך אונז ביי אונזער עבודת השם יתברך זאלן מיר זיך פירן אין די בחינה פון א קינד פאר זיין טאטן, טוענדיג יעדער זאך מיט ליבשאפט און מיט רצון, און נישט געצוואונגענערהייט, נישט אזוי ווי א קנעכט וואס טוט נאר דאס וואס ער דארף טון כדי צו יוצא זיין, און נישט מער פון דעם...**

***

## די מצוה פון תקיעת שופר – אין זכות פון זיך מתגבר אויף די מדה פון כעס!

**דער סבא קדישא פון ראדאשיץ, הרה"ק דער רבי ר' ישׂשכר בער זצוק"ל**, וועלכער איז געווען פון די גרויסע תלמידים פון **דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע**, האט זיך איין יאר אויפגעהאלטן אין זיין צימער א לענגערע צייט, און איז נאכנישט אריינגעקומען אין בית המדרש צו תקיעת שופר. דער גאנצער ציבור איז געשטאנען און געווארט מיט גרויס שפאנונג און מיט חֶרְדַּת הַדִּין אז ער זאל שוין ארויסקומען, און אזוי איז דורכגעגאנגען א לאנגע צייט, ווען דער צדיק האט זיך נאך אלץ פארזוימט. ענדליך איז דער צדיק ארויסגעקומען בדחילו ורחימו, און איז צוגעגאנגען צו די בימה און מיט א הייליגע ציטערניש האט ער אנגעהויבן זאגן דעם 'למנצח' פאר די תקיעות.

נאכן דאווענען, האבן די מקורבים גערעדט צווישן זיך איבער דעם גרויסן פארשפעטיגונג ביי די תקיעות. ווען דער רבי האט געהערט ווי זיי רעדן, האט ער זיך געווענדן צו זיי, און געגעבן צו פארשטיין פארוואס ער איז טאקע ארויסגעקומען שפעט, און אזוי האט ער געזאגט:

ווען עס איז געקומען דער צייט צו בלאזן די תקיעות, און איך האב געדארפט נעמען דעם שופר אין האנט און ארויסגיין צום בית המדרש, בין איך נישט אימשטאנד געווען צו נעמען דעם הייליגן שופר אין האנט, ווויסנדיג וויאזוי איך האב דורכגעפירט אלע טעג פונעם יאר מיט זינד, און יעצט, וויאזוי וועל איך צוגיין און מוציא זיין דעם ציבור מיטן חיוב פון תקיעת שופר, אינדערצייט וואס איך בין פול מיט גייסטיגע וואונדן, און איך האב נישט קיין שום אינהאלט! אזוי האב איך לאנג עוסק געווען אין פשפוש המעשים, זוכנדיג עפעס א דבר טוב אין וואס זיך אנצוהאלטן, אבער איך האב גארנישט געפינען...

פלוצלונג האב איך זיך דערמאנט עפעס, און דארט האב איך געפינען דאס וואס איך האב געזוכט! דאס איז געווען עטליכע נעכט צוריק, ווען איך האב געבעטן דעם שמש אז ער זאל מיר אנגרייטן נעגל וואסער נעבן די בעט, אזוי ווי עס איז באוואוסט די געוואלדיגע הארבקייט דערפון פון די ווערטער פון דער **זוהר הקדוש** און פון די מקובלים, אויף אזוי ווייט אז דער הייליגער **רבי ר' זושא זצוק"ל** האט גע'דרש'נט אויפן פסוק (תהילים לו, ה) "יִתְיַצֵּב עַל דֶּרֶךְ לֹא טוֹב, רָע לֹא יִמְאָס", רח"ל.

דער שמש האט אבער נישט אויסגעפירט מיין פארלאנג, און האט מיר עס נישט אנגעגרייט. צום ערשט האב איך געוואלט צערענען אויף אים, און אים אנשרייען פארן נישט אויספירן זיין פליכט. איך האב זיך אבער גלייך מתבונן געווען אין די הארבקייט פון די מדה פון כעס, אז אינדערצייט וואס א מענטש ווערט אין כעס טוט די שכינה הקדושה אנטלויפן פון אים, און ער פאלט אריין אינעם בעומקא דתהומא רבה אזוי ווי אַן עובד עבודה זרה וואס איז אינגאנצן אריינגעטון אינעם נעץ פון די סיטרא אחרא, חלילה. דעריבער האב איך זיך אנגעגארטלט מיט אלע כוחות צו בלייבן שטיל, און איך האב גארנישט באמערקט פארן שמש, נאר איך האב אלעס אליין געטון!

מיט אט די גוטע נקודה האב איך זיך מחזק געווען, און אזוי האב איך זיך אנגעהאלטן אין די הייליגע בחינה, און ארויסגעקומען צו די מצוה פון די תקיעות!

**פון דעם קומט ארויס א געוואלדיגער לימוד המוסר, ווי שטארק מען זאל אכטונג געבן און זיך דערוויטערן עד קצה האחרון, אז מען זאל נישט אנקומען צו קיין כעס און קפידא, איבערהויפט אין די הייליגע טעג. און פון דא קענען מיר זיך ארויסלערנען ווי חשוב איז דאך פארן הייליגן באשעפער, ווען מען שטארקט זיך אויף די מדה פון כעס, וואס דאס שטייגט איבער אלע אנדערע מדריגות!**

***

## תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה פאר די תקיעות!

עס איז אמאל געווען א חשוב'ער רב וועלכער האט געדינט אלץ רב אין איינע פון די חשוב'ע און גרויסע שטעט אין פוילן של מעלה, און איז געווען א גאון מופלג און א תלמיד חכם עצום, וועלכער איז באוואוסט געווען אין זיין דור אלץ איינער פון די גאר אויסגערופענע דיינים.

אין א געוויסע תקופה, איז דער אויבנדערמאנטער רב ארויסגעגאנגען זוכן א רבי און צדיק ביי וועמען זיך צו שיצן, און וויבאלד **הרה"ק רבי לוי יצחק בארדיטשובער זצוק"ל זי"ע** איז געווען פון די זקני הצדיקים אין זיין דור, האט ער געטראכט אז ער

גייט אים אננעמען אויף זיך אלץ רבי. איז ער טאקע אמאל געפארן צו אים פאר א שבת קיין בארדיטשוב, וואו ער איז אויפגענומען געווארן מיט גרויס כבוד, ווי עס פאסט פאר איינער וואס איז איינער פון די גדולי הרבנים אינעם דור.

ווען דער הייליגער רבי איז צוגעגאנגען צום עמוד צו קבלת שבת, און האט אנגעהויבן דאווענען מיט א געוואלדיגע זיסקייט מיט א קוֹל חֹצֵב לַהֲבוֹת אֵשׁ און מיט א הייליגן התלהבות כדרכו בקודש, האט דער רב געשפירט א געוואלדיגע התעוררות, און דורכאויס דעם גאנצן דאווענען האט ער געפילט א געוואלדיגע דעהויבנקייט, און ער האט שוין שטארק באשלאסן ביי זיך אז ער גייט דארט בלייבן, 'פֹּה אֵשֵׁב כִּי אִוִּיתִיהָ'!

אבער ווען דער רבי איז אריינגעקומען צום הייליגן טיש אום ליל שבת קודש, האט ער מיט זיינע הייליגע אויגן באטראכט דעם גאנצן הייליגן ציבור וואס האט אנגעפילט דעם בית המדרש. און פלוצלונג האט ער זיך אנגערופן: דא געפינט זיך א גוטער איד וואס איז אהערגעקומען זוכן א רבי, איך מוז אים אבער זאגן דעם אמת אז דא איז נישט זיין פלאץ, נאר אין לובלין ביי **רבי יעקב יצחק בן מאַטיל!** [דאס איז דער **הייליגער רבי פון לובלין**].

דער חשוב'ער רב האט גוט פארשטאנען וועמען דער הייליגער קדושת לוי האט געמיינט, ווייל די ווערטער פון די חכמים קומען מיטן ציל צו מפרש זיין און נישט צו פארהוילן, און ער איז דאך דער וואס האט זיך ארויסגעלאזט זוכנדיג א רבי... און דערפאר איז ער דאך אהערגעקומען פאר שבת קודש!

אויפצומארגנס ביים דאווענען שחרית שב"ק אינדערפרי, האט ער נאכאמאל געפילט ווי זיין נפש גייט אויס פון די געוואלדיגע זיסקייט ביי די וואונדערליכע עבודת התפילה פון דער הייליגער בארדיטשובער, און ער האט שוין באשטימט ביי זיך אז ער גייט בלייבן אין זיין הייליגן הויף אלץ א תלמיד מובהק. - אבער צו זיין גרויס איבערראשונג, ווען דער רבי איז ארויסגעקומען צו די טיש ביים סְעוּדָתָא דְעַתִּיקָא קַדִּישָׁא, און האט נאכאמאל געכאפט א בליק אויף אלע באטייליגטע, האט ער נאכאמאל איבערגע'חזר'ט זיינע ווערטער, אז דא געפינט זיך א גוטער איד וואס זוכט זיך א רבי, ער זאל אבער קלאר וויסן אז ער געהערט צו **רבי יעקב יצחק בן מאַטיל!** און אויך ביי שלש סעודה האט ער איבערגע'חזר'ט אויף זיינע ווערטער.

פון זיינע הייליגע ווערטער האט דער רב קלאר פארשטאנען, אז זיין שורש נשמה געהער נישט אהער, און כאטש עס איז אים געווען זייער זיס צו הערן די תפילות פון דער צדיק, און פילנדיג די התקשרות און שפע פונעם צדיק האט ער זוכה געווען צו געהויבענע און געוואלדיגע מדריגות. - פונדעסטוועגן, ווי עס זעט אויס איז דא נישט זיין ריכטיגע פלאץ, און דער שלימות פון זיין תיקון הנפש מיטן ריכטיגן זיכוך וועט נאר ערגענצט ווערן אינעם הייליגן לובלינער הויף!

דער גרויסער רב האט אנגענומען די עצה פונעם הייליגן בארדיטשובער, און נאך שבת איז ער אריינגעגאנגען בַּקוֹדֶשׁ פְּנִימָה צו נעמען א ברכה צום געזעגענען, און ער איז צוריק אהיימגעגאנגען, זיך צו גרייטן צו די הייליגע נסיעה קיין לובלין.

נאנט צו די הייליגע טעג פון יענעם יאר, איז דער רב אוועקגעפארן פון זיין שטאט, באגלייט מיט פילע חסידים, און איז געפארן קיין לובלין, וועלנדיג זיין צוזאמען מיט די פילע אידן וואס האבן געשטראמט צו געניסן פונעם געוואלדיגן אור וואס האט געשיינט אינעם בית המדרש פון דער הייליגער רבי פון לובלין.

אויפן וועג ביי די לאנגע נסיעה, איז דער רב געזעצן בַּשֶּׁבֶת תַּחְכְּמֹנִי צוזאמען מיט די געהויבענע חסידים וואס זענען געווען תלמידים פון דער הייליגער רבי פון לובלין, וואס כידוע זענען זיי אויך געווען געהויבענע צדיקים און קדושי עליון. פון זיי האט ער געהערט, אז לובלין איז גאר אנדערש ווי בארדיטשוב! אינדערצייט וואס דער הייליגער בארדיטשוב וועלכער איז נאך געווען פון די תלמידים פונעם גרויסן מגיד זי"ע איז מרעיש עולמות מיט זיין געהויבענע עבודה אויף אן אנטפלעקטער אופן, און יעדער זעט מיט די פליישיגע אויגן זיין געוואלדיגע צדקות, און מען קען דארט פילן 'בחוש' א געוואלדיגע מתיקות אין עבודת השי"ת.

איז אבער אין לובלין פארהאנען אן אנדערע שטייגער, און די עבודה איז נישט אזוי שטארק בגלוי. דער רבי גייט נישט צו צום עמוד, נישט ביי די סליחות, נישט אום ראש השנה און אויך נישט אום יום הקדוש, און כמעט וואס זיין צדקות ווערט נישט אנטפלעקט ברבים. - פונדעסטוועגן איז אבער דא דארט א געפיל פון יראה עילאה, און מען קען אנטאפן די קדושה מיט די הענט!

ווען דער רב האט געפרעגט, צי עס איז טראצדעם דא עפעס א ספעציעלע הנהגה וואס מען קען יא מיטהאלטן ביים רבי'ן פון לובלין, עפעס וואס מען מיטהאלטן און זען מיט די אויגן, האט מען אים געגעבן צו פארשטיין אז אזא זאך איז דארט נישטא! - און אפילו ביים זיך גרייטן פאר די תקיעות, האבן די חסידים אים מגלה געווען, וואס דאס ציט זיך גאנץ לאנג, אינדערצייט וואס דער גאנצער קהל הקדוש גרייטן זיך בחרדת קודש צו תקיעת שופר, איז דער רבי אויך פארשפארט אין זיין חדר מיוחד, און קיינער האט דעמאלטס נישט קיין רשות זיך צו געפינען צוזאמען מיט אים אין אט דעם געהויבענעם עת רצון!

ווען דער רב האט דאס געהערט, האט ער באשלאסן ביי זיך, אז דווקא דעמאלטס איז דאס בעסטע צייט פאר אים, זיך צו מקשר זיין אין די נשמה פונעם הייליגן רבי'ן.

ווען ער איז אנגעקומען קיין לובלין, האט ער גוט געזוכט און אויך געטראפן א וועג אריינצודרינגען אינעם הייליגן צימער פונעם רבי'ן, דורך א זייטיגע צימער, און ווען דער רבי און די גבאים זענען אלע געווען אין בית המדרש ביים דאווענען שחרית אום ראש השנה, אינמיטן די הויכע שמונה עשרה, האט זיך דער רב שטילערהייט ארויסגעגליטשט פון שול, און איז שטילערהייט אריינגעגאנגען אינעם צימער פונעם רבי'ן און האט זיך גוט באהאלטן אונטערן בעט, און האט געווארט צו זען וואס עס גייט געשען.

דאס שחרית דאווענען האט זיך געענדיגט, און דערנאך אויך דאס ליינען אין די תורה און די הפטרה. דער הייליגער רבי פון לובלין איז אריינגעגאנגען אין צימער, און גאנץ שנעל האט ער געהייסן אלע גבאים אז זיי זאלן ארויסגיין אינדרויסן, און ער איז געבליבן דאר אליין זיך צו פאראייניגן מיטן באשעפער. גאר אן אנגעצויגענע שטילקייט האט געהערשט אינעם צימער, קיין שום קול האט זיך דארט נישט געהערט, אן אויך דער רב פון זיין באהעלטעניש האט זייער שטארק אכטונג געגעבן צו בלייבן שטיל כדי ער זאל נישט אנטפלעקט ווערן...

פלוצלונג האט זיך געהערט דער הייליגער שטימע פון דער רבי, ווי ער וויינט מיט א ביטער געוויין, וואס איז געווארן אלץ שטארקער און שטארקער. אינצווישן זיינע געוויינען, האט דער רב געהערט ווי דער רבי מוסר'ט זיך אליין: וויאזוי וואגסטו זיך, 'יעקב יצחק בן מאטיל' לָגֶשֶׁת אֶל הַקֹּדֶשׁ? וויאזוי קען א זינדיגער אזוי ווי דו, וואס איז פארשמירט מיט עבירות, פון קאפ ביז פיס, זיך דערוואַגן צו צוגיין צום הייליגן שופר? אויף דיר זאגט דאך דער פסוק (תהילים נ, טז־כב): "וְלָרָשָׁע אָמַר אֱלֹקִים, מַה לְּךָ לְסַפֵּר חֻקָּי וַתִּשָּׂא בְרִיתִי עֲלֵי פִיךָ. וְאַתָּה שָׂנֵאתָ מוּסָר, וַתַּשְׁלֵךְ דְּבָרַי אַחֲרֶיךָ. אִם רָאִיתָ גַנָּב וַתִּרֶץ עִמּוֹ, וְעִם מְנָאֲפִים חֶלְקֶךָ. פִּיךָ שָׁלַחְתָּ בְרָעָה, וּלְשׁוֹנְךָ תַּצְמִיד מִרְמָה. תֵּשֵׁב בְּאָחִיךָ תְדַבֵּר, בְּבֶן אִמְּךָ תִּתֶּן דֹּפִי. אֵלֶּה עָשִׂיתָ וְהֶחֱרַשְׁתִּי, דִּמִּיתָ הֱיוֹת אֶהְיֶה כָמוֹךָ, אוֹכִיחֲךָ וְאֶעֶרְכָה לְעֵינֶיךָ"! - און אזוי, פאר א לאנגע צייט, האט דער הייליגער רבי, מיט בכיות עצומות, גע'חזר'ט די ווערטער פון די פסוקים, ערקלערנדיג אלעס אויף זיך זעלבסט!

פלוצלונג איז דער רבי שטיל געווארן, און נאך א לאנגע צייט פון שרעקליכע חרטה, האט ער זיך אנגעהויבן צו מחזק זיין, ערקלערנדיג אז די טויערן פון תשובה ווערן דאך נישט פארשלאסן! נעם איך יעצט אויף זיך צו תשובה טון בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לְפָנֶיךָ! איך נעם יעצט אויף מיר אז איך וועל מיר נישט זינדיגן, און איך וועל נאר טון דאס וואס איז גוט און ריכטיג אין די אויגן פון השם יתברך!

ווידעראמאל איז דער רבי שטיל געווארן פאר א שטיק צייט, און ער האט זיך נאכאמאל אנגעהויבן צו מוסר'ן בִּדְמָעוֹת שָׁלִישׁ: יעקב יצחק! אויך פאראיאר האסטו אזוי געזאגט, אז דו טוסט תשובה אויף אלע עבירות, און טראצדעם ביסטו ווייטער דורכגעפאלן במשך די יאר!

אבער גאנץ שנעל האט ער זיך צוריק מחזק געווען און געשטארקט זיין גייסט, ערקלערנדיג אז כאטש ער האט טאקע אויך אזוי געזאגט אינעם פריערדיגן יאר, אבער יעצט טו איך אמת'דיג תשובה, בשלימות הגמור! און דו הייליגער באשעפער ווייסט דאך, אז מיין גאנצע כוונה איז נאר לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ בְּלֵבָב שָׁלֵם!

אזוי האט דער הייליגער רבי פון לובלין מאריך געווען מיט אזעלכע דיבורים פאר א לענגערע צייט, און דער חשוב'ער רב וועלכער איז געלעגן באהאלטן אונטערן בעט, האט דאס אלעס געהערט און זיין הארץ איז געווארן צוגאנגען אין אים. פון זיינע אויגן זענען גערינען פילע טרערן אן אויפהער, און אויך ער האט אנגעהויבן צו מאכן זיין אייגענער חשבון הנפש... און פלוצלונג האט ער באמערקט אז ער פארמאגט פילע חסרונות... און געטראכט האט ער צו זיך, אז אויב דער הייליגער רבי פון לובלין, וואס אלע צדיקי הדור טרייסלען פון אים, רעדט אזוי פון זיך כאילו ער וואלט געווען א זינדיגער מענטש, איז וואס זאל איך שוין זאגן, פשוט'ער מענטש וואס איך בין...

ער איז געווארן פארזינקען אין פארכטיגע תשובה געדאנקען, און ער האט דארט שטילערהייט געוויינט אונטער די בעט פונעם צדיק, מיט בכיות נוראות, ביז נאך אט די שרעקליכע תשובה איז ער אראפגעפאלן א פאר'חלש'טער אויף די ערד!

דער קול פונעם קלאפ האט זיך גוט געהערט, און דער רבי האט גלייך געלאזט רופן די גבאים, וועלכע האבן אים ארויסגעשלעפט פון זיין באהעלטעניש, אים דערמינטערט פון זיין חלשות, און אים צוריקגעקערט זיין גייסט.

**דעמאלטס האט שוין דער רב גוט פארשטאנען פארוואס דער הייליגער בארדיטשובער האט אים געשיקט צו דער רבי פון לובלין, ווייל דא אין לובלין האט ער פארשטאנען אז ווי עס זעט אויס איז נישט גענוג צו דערגרייכן מדריגות אינעם זיסקייט פון זיין דבוק אין אלקות, נאר דער ריכטיגער תיקון פארן נפש, בתכלית הזיכוך, איז דורכדעם וואס דער מענטש אנערקענט דווקא זיינע חסרונות, און ער גייט אן מיט גרויס שפלות און ענוה, און ער זוכט נאך שטענדיג אין די בִּדְקֵי הַנֶּפֶשׁ, וואס נאך דארף ער טון צו זיך פאררעכטן אין זיין ווועלטן!**

די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173